ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

שנת תשע"א | פרשת חקת | כיתה ח'

**לפי שהשטן ואומה"ע מונין את ישראל מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חוקה:** לכאורה דארף מען פארשטיין עס זענען דאך דא נאך מצות וואס זענען א חוק בלי טעם, ווי כלאים, טבילת כלים, פארוואס דוקא דא האט די תורה געשריבן חוקה?

ענטפערט דער **רבי זי"ע** אין **דברי יואל**, לויט דעם וואס עס שטייט אין **אבות דר"נ** (פ"ל אר"ג) אז ווען איינער איז זיך מדבק אין עוברי עבירה, אפילו ווען ער טוט נישט ווי זייערע מעשים, ווערט ער נענש אזוי ווי זיי, און ווער עס איז זיך מדבק מיט ערליכע אידן, אפילו ער פירט זיך נישט ווי זיי, באקומט ער שכר אזוי ווי זיי.

ביי פרה אדומה זעהן מיר א דבר והפכו, זי איז מטהר טמאין ומטמא טהורין, וואס פון דעם וואלט מען ווען געקענט ארויסלערנען אז מ'מעג האבן שייכות מיט רשעים ווייל אפשר וועט דערפון ארויסקומען א טובה, אזוי ווי דער כהן ווערט טמא פארן פרה אדומה כדי מטהר צו זיין א צווייטן מענטש. זאגט אבער דער פסוק (איוב י"ד ד') **מי יתן טהור מטמא**, ווער טרויעט זיך מחבר צו זיין א טהור מיט א טמא, **לא**, דאס איז אסור צו טון, נאר **אחד**, דער רבש"ע, דער אחד יחיד ומיוחד נאר ער מעג דאס טון, ווייל א בשר ודם קען זיך טועה זיין און ער וועט פארדארבן ווערן דורך די רשעים.

דאס זאגט רש"י **לפי שהשטן ואומה"ע מונין את ישראל**, די גוים ווילן פרובירן צו פאר'נער'ן אידן אז פון פרה אדומה קען מען ארויסלערנען אז מ'מעג זיך באהעפטן מיט רשעים, און זיי זאגן **מה מצוה זו**, פונקט ווי די מצוה מעג מען זיך מטמא זיין כדי מטהר צו זיין א צווייטן, מעג מען אלעמאל זיך מתחבר זיין צו רשעים כדי צו אויפטון א גוטע זאך, **לפיכך כתב בה חוקה**, ווייל **גזירה היא מלפני**, די גזירה מעג נאר דער אייבערשטער אליין, **ואין לך רשות להרהר אחריה**, אבער א פשוט'ער בשר ודם האט נישט קיין רשות צו גיין אויף דעם וועג.

*

**ויך את הסלע:**

לכאורה דארף מען פארשטיין, ווי אזוי קען דאס טאקע זיין אז דער אייבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו צו רעדן צום שטיין, און דערווייל האט ער געשלאגן דעם שטיין?

ענטפערט **הרה"ק רבי ר' העשיל פון קראקא זי"ע** לויט די גמרא אין מס' בבא מציעא (דף פ"ו) וואס זאגט אז אלעס וואס אברהם אבינו האט געטון פאר די מלאכים אליין, ווי צום ביישפיל דאס ברענגען חמאה וחלב, האט דער אייבערשטער צוריק באצאלט פאר זיינע קינדער, אז ער האט אליין געגעבן די מן פון הימל, און אלעס וואס ער האט געטון דורך א שליח, ווי דאס וואס ער האט געזאגט יקח נא מעט מים, האט דער אייבערשטער אויך צוריק געגעבן מיט א שליח, ווי די וואסער וואס דער אייבערשטער האט געגעבן דורך משה רבינו.

חז"ל זאגן (זוה"ק פנחס דף רל"ב) אז עס איז געווען **שכינה מדברת מתוך גרונו של משה**, מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס משרע"ה האט נישט גערעדט צום שטיין, ווייל ער האט דאך געוואוסט אז דאס וואסער קען נישט קומען דורכן אייבערשטן אליין נאר דורך א שליח, און ווען ער רעדט ווען צום שטיין, וואלט דאס געווען ווי כאילו כביכול דער רבש"ע אליין האט גערעדט צום שטיין. וועגן דעם האט ער גענומען די שטעקן כדי ער זאל זיין נאר א שליח פונעם אייבערשטן.

אבער דער אמת איז געווען אז ער האט זיך טועה געווען, ווייל וויבאלד ער איז געווארן אין כעס און ער האט געזאגט פאר די אידן **שמעו נא המורים**, זאגט דאך שוין די גמרא אין נדרים (דף כ"ב) אז **כל הכועס שכינה מסתלקת ממנו**, קומט אויס אז אין יענע רגע איז די שכינה אוועק געגאנגען פון אים, איז שוין נישט געווען שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, און ער האט געקענט ווייטער רעדן צום שטיין.

דאס זאגן חכמינו ז"ל בלשונם הק' **כיון שבא משה לכלל כעס בא לכלל טעות**, הערשט דעמאלטס ווען משה רבינו איז געקומען **לכלל כעס**, נאר דעמאלטס איז ער געקומען **לכלל טעות** מיט דעם וואס ער האט געשלאגן דעם שטיין, ווייל אלמלי ער ווערט נישט אין כעס וואלט ער ווען געווען גערעכט מיט דעם וואס ער האט געשלאגן דעם שטיין, וויבאלד ער האט געוואוסט אז עס דארף זיין א שליח וואס זאל געבן דאס וואסער פאר אידישע קינדער.

## אדם כי ימות באוהל

דער **אור החיים הק'** איז מסביר דעם טעם וואס חכמינו ז"ל (ב"מ קי"ד ע"ב) זאגן אז **ישראל מטמאים באוהל ואין אומה"ע מטמאין באוהל**, עפ"י משל צו צוויי כלים איינס איז פול מיט האניג און דאס צווייטע איז פול מיט מיסט וואס מ'האט ארויסגעטראגן ארויס פון שטוב, די כלי וואס איז געווען פול מיט האניג ציהט צו זיך אלע פליגן און רמשים, די אנדערע וואס איז געווען פול מיט זבל וועט טאקע אהין גיין עפעס פון די חיות אבער עס איז נישט קיין פארגלייך צום האניג".

"אזוי אויך ווען א איד ווערט נפטר ל"ע, וויבאלד זיין נפש איז הייליג, מלא קדושה, ווען זיין נשמה גייט ארויס און דער גוף ווערט ליידיג, קומען זיך צונויף אלע כוחות הטומאה וואס זוכן זיך מדבק זיין אין די קדושה, משא"כ א גוי, ער איז נישט מזרע ישראל, ער האט נישט קיין שום קדושה, ממילא ציהט נישט די טומאה צו אים.

דער חילוק מיט וואס אידן זענען אנדערש פון די גוים איז געשעהן ביי קבלת התורה, ווייל אן די תורה זענען אידן פונקט ווי גוים אן קיין שום קדושה, דאס זאגט דער פסוק 'זאת חוקת התור"ה, אז דער חוק פון טומאה און טהרה, דאס איז געוואנדן אין די תורה, אז דוקא די אידן וואס האבן מקבל געווען די תורה, זיי ווערן א שטיק קדושה און וועגן דעם זוכן די קליפות אז זיי זאלן זיך קענען אנקלעבן אין זיי.

# אוצר הידיעות

## בארה של מרים

די וואך לערנען מיר אין די סדרה ווי אזוי מרים איז געשטארבן, און די אידן האבן נישט געהאט קיין וואסער אין מדבר, און די גמרא דערציילט אין מס' תענית (דף ט' ע"א) אז די גאנצע 40 יאר אין מדבר האבן אידן געהאט וואסער אין זכות פון מרים, ווען עס איז געווען א ברונעם **בארה של מרים** וואס איז מיטגעגאנגען מיט די אידן אין מדבר.

דער **רמ"א** (סי' רצ"ט ס"י) ברענגט בשם **הכל בו**, אז יעדן מוצש"ק זאל מען אנשעפן וואסער, ווייל דער בארה של מרים דרייט זיך ארום איבער אלע ברונעמס און ווער עס טרעפט דאס אן און טרינקט דערפון ווערט אויסגעהיילט פון אלע מחלות. און ער פירט אויס **ולא ראיתי למנהג זה**. אבער דער **תניא** אין **שו"ע הרב** ברענגט יא דעם מנהג.

דער **כל בו** ברענגט א מעשה מיט איינעם וואס איז געווען מוכה שחין, און זיין פרוי איז געגאנגען שעפן וואסער מוצש"ק און זי האט זיך דארט לענגער אויפגעהאלטן, און זי האט געטראפן דעם בארה של מרים, און זי האט אהיימגעברענגט דאס וואסער, דער מאן איז געווען אין כעס פארוואס עס האט געדויערט אזוי לאנג האט ער אויסגעגאסן דאס וואסער און צובראכן דעם קריגל, און אביסל וואסער האט אים אנגעשפריצט, האט מען געזעהן אז אויף יעדע פלאץ וואו ער איז געווארן אנגעשפריצט איז ער אויסגעהיילט געווארן.

אין ספר **כף החיים** (סי' ל"א סנ"ג) שרייבט ער אז אויסער וואס דאס וואסער פון בארה של מרים איז א רפואה איז דאס אויך מסוגל צו עפענען דאס הארץ צו פארשטיין חכמת התורה.

אין ספר **נגיד ומצוה** שטייט וואס הרה"ק רבי חיים וויטאל שרייבט ווי אזוי ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה ביים אריה"ק "ווען איך חיים בין געקומען צו מיין רבי'ן לערנען די חכמה האט ער מיך גענומען קיין טבריי' און עס איז דארט געווען א קליינע שיף, און ווען מיר זענען געפארן אין די שיף האט מיין רבי גענומען א כוס און דאס אנגעפולט מיט וואסער און מיר געגעבן צו טרינקען, און ער האט מיר געזאגט 'יעצט וועסטו קענען זוכה זיין צו די חכמה' ווייל דאס איז געווען וואסער פונעם בארה של מרים.

עס איז אינטערעסאנט צו צולייגן וואס דער **מדרש** (תנחומא בפרשתן, ועי' בתוספתא (סוכה פ"ג ה"ג) דערציילט אז אויפן גאנצן שטח פון איין דגל ביזן צווייטן איז געווען פול מיט וואסער, און ווען מ'האט געוואלט גיין פון איין דגל צום צווייטן איז מען געפארן מיט א שיף, און די וואסער איז אויך ארויסגעגאנגען און באדעקט א גרויסן שטח מחוץ למחנה.

# אוצר רבותינו

## אדם כי ימות באוהל

בשנת תקצ"א כבש הצאר מלך רוסלאנד את מדינת פוילן. באחד הימים הזמין הצאר את **הגה"צ רבי יושע לאנדא זצ"ל אב"ד ראדום** ויחד עמו עוד שני רבנים שיבואו לארמון המלוכה, ולא גילה להם מקודם הסיבה על מה הוא קורא להם.

כאשר הם הגיעו לארמון המלוכה והמתינו שיכלו לכנס אל הקיסר, הבחין הרב מראדום שבין הספרי עכו"ם שמונחים שם נמצא גם, להבדיל, חומש במדבר. הדבר היה לפלא אצלו על מה ולמה יש כאן חומש במדבר. הוא נטל החומש בידיו והביט בה בכמה מקומות ואחר כך החזיר את החומש למקומה.

כאשר נכנסו אל הקיסר, ראו הרבנים שעומד שם רשע משומד אשר חושב תמיד לעשות רע ליהודים, והבינו שהוא בא אצל הקיסר כדי לחשוב מחשבות לצער ולרדוף את היהודים.

הקיסר התחיל השיחה ושאל "מי הוא האיש אצל היהודים אשר דברו מחייב את כל אחד ואחד בלי יוצא מן הכלל?", "**משה רבינו**" ענו הרבנים. "ומי אחריו?", שאל הקיסר. וענו הרבנים "**יהושע בן נון והזקנים, ואחריהם אנשי כנה"ג, ואחריהם רבותינו התנאים והאמוראים**".

"**כבר שמעתי די!**" הפסיקם הקיסר באמצע דיבורם "ברצוני רק לידע אם דבריהם של גדולי ישראל אלו הם מחייבים את כל בני ישראל, או אולי דבריהם זה רק דעה הפרטיות שלהם ואין זה מחייב את כל אחד ואחד".

"לא" ענה הרב מראדום "יש לנו כלל גדול ששבעים פנים לתורה, ועל כל דבר ישנם כמה פשטים, ולאו כל אחד לומד בכל דבר כמו דברי הגדולים הנזכרים".

הרבנים שהלכו יחד עמו תמהו מאד על דבריו, כי ידעו שזה לא נכון, ובאמת מחויבים אנו לעשות ככל דברי רבותינו התנאים והאמוראים בלי שום שינוי, והם רק חשבו שהוא בוודאי יודע מה שהוא אומר.

למעשה הם ראו שהצאר נהנה מתשובתו והראה להם שהן יכולים לילך בשלום לביתם.

כאשר כבר היו בחוץ סיפר להם הרב מראדום שכאשר ראה את החומש במדבר בבית המלך כבר הבין שאחד הביא החומש לכאן במחשבה רעה, וכאשר עיין היטב בהחומש ראה שיש סימן בעמוד אחד והסתכל שם ראה הפסוק "**זאת התורה אדם כי ימות באוהל**", ושם נדפס מה שפי' האור החיים הק' להסביר דברי חז"ל שסיבת הדבר שגוף בנ"י מטמא באוהל משא"כ גוף עכו"ם, והסיבה הוא שגוף הישראלי הוא חשוב הרבה יותר מגוף העכו"ם (עי' בהקעסטל בעמוד א').

"אז הבנתי שמחמת סיבה זו קרא לנו המלך לכאן ורוצה להצר לנו מהאי טעמא, ולכן אמרתי שלאו כל דבר מחייב את כל אחד ואחד, ויש עוד פשטים וביאורים שיכולין ללמוד בפסוק זה".

במשך הזמן נודעו היהודים שאכן כך היה הדבר, וזה היה מטרת המשומד והודות להחכמה העמוקה של הרב מראדום, נצלו בנ"י מסכנה גדולה.

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין צו לערנען די "יגעת ומצאת" פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות וואס מיר באגעגענען טאג טעגליך ביים דאווענען און מען נעמט נישט אין באטראכט די טעמים און ענינים דערפון:

**ביי די ברייתא פון ר' ישמעאל היה אומר ענדיגט מען דיי לעצטע מדה מיט די ווערטער "וכן שני כתובים" וואס מיינט דער "וכן"** (שלה"ק ס' תושבע"פ כלל מידות בשם אבודרהם)**? לויט די גירסא אז מען זאגט "וכאן" וואס איז דער פשט? 1)** (בפשטות עי' במקור הברייתא בתו"כ ר"פ ויקרא) **2)** (ספה"ק עשירית האיפה על תו"כ מהה"ק מקאמארנא זי"ע) **פארוואס האט תפילין של ראש איין זייט 3 שפיצן און איין זייט פיר שפיצן?** (עי' סמ"ג עשין מצ"ע כ"ב) **פארוואס איז דא שווארצע שטריכן אויפן טלית גדול און טלית קטן?** (פרמ"ג או"ח סי' ט' א"א אות ו')**? ווער האט מתקן געווען ברכת המזון?** (עי' ברכות דף מ"ח ע"ב) **ברכה א': ברכה ב': ברכה ג': ברכה ד': וואו זאגט מען ביים דאווענען פינף ווערטער וואס הייבן זיך אן מיט אות א' איינס נאך די צווייטע? וויפיל ף' איז דא ביי שמו"ע און וואו?**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס מ'נוצתט ביים שרייבן בריוו)....

**אחדשה"ט, באה"ר ואה"ע, בשו"ט, בס"ד, למז"ט, עצהיו"ט, בשטומ"צ, כה"י, ברו"ג**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' קרח

א. אומרים והוא רחום בימי שני והמישי כי משה רבינו ע"ה עלה למרום בר"ח אלול ימי הרצון ביום חמישי וחזר ביום הכיפורים שחל ביום השני .

ב. "מודים דרבנן" כי הנוסח נקבע ע"י כמה מרבנן.

ג. "ישראל אבינו", בויברך דוד "אלקי ישראל אבינו", וב"והוא רחום" ולמען ישראל אבינו.

ד. י"א תיבות שמסתיימים באות ם',עולם, כולם אהובים, כולם ברורים, כולם גיבורים, וכולם קדושים, וכולם עושים.

ה. ז' תיבות שמסתיימים באות ם', בקריאת שמע "לבבכם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים והשתחויתם להם".

ו. פוסעים אחורה ג' פסיעות בשמו"ע, יש ב' טעמים במג"א: א' מחמת שנבוכדנאצר פסע ג' פסיעות ומה"ט זכה להחריב ביהמ"ק לכן אנו פוסעים כמוהו ומבקשים "שיבנה ביהמ"ק". ב' כעבד שיוצא מהאדון שלו לאחוריו.